בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת ויצא
ט' כסלו
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 7
(94)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן אִינֶעוֶוייניג:

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

זענען זיי גיקומען צו איין מדינה. האבין זיי אויך גיפרעגט די ווארטים. וואס פאר א מדינה איז דאס און ווער איז אייער מלך. האט מען זיי גיענפערט. באשר דעמולט אז דער רוח סערה איז גיווען. דעמולט האבין זיך די לייט פון דער מדינה אויס גיקליבין. אז דער תכלית איז דער דיבור. האבין זיי אויף גינומען. א דברן א בעל לשון פאר א מלך. דערנאך האבין זיי גיפונען זייער א גרויסין בעל לשון ומליצה און א דברן. האבין זיי אים אויף גינומען פאר איין מלך. ווארין דער מלך האט אים מוחל גיווען די מלוכה ווייל ער איז אזוי א בעל לשון. האבין זיי זיך גישטויסין דאס מוז בוודאי זיין דער מליץ פון אונזער מלך הנ"ל. האבין זיי אויך גיבעטין אויב סע איז מעגליך זיך צו זעהן מיט דעם מלך. האט מען זיי גיענפערט. מע מוז מעלדיווען האט מען גימעלדיוועט האט ער גיהייסין אז זיי זאלין ארייין קומען זענען זיי ארייין גיקומען צו דעם מלך. און דאס איז גיווען דער מליץ פון דעם מלך. האבין זיי זיך דערקענט איז גיווען צווישן זיי אויך זייער א גרויסע שמחה און בכיות. איז דער מליץ מיט זיי אויך גיגאנגען זענען זיי ווייטער גיגאנגען זוכן. טאמער וועלין זיי גיפינען די איבריקע. ווארין זיי האבין גיזעהן אז השם יתברך העלפט זיי. זיי גיפינען אלע מאל זייערע חברים. און זיי האבין דאס אליץ אנגיהאנגען אין דעם זכות פון זייער כשרין בעל תפלה וואס ער איז תמיד מתפלל דרויף. און דארך זיינע תפילות זענען זי זוכה אליץ צו גיפינען זייערע חברים זענען זיי ווייטער גיגאנגען טאמער וועלין זיי נאך גיפינען די איבריקע.

זענען זיי גיגאנגען און זענען גיקומען צו איין מדינה און זיי האבין אויך גיפרעגט וואס פאר א מדינה איז דאס און ווער איז אייער מלך. האט מען זיי גיענפערט אז זיי זענען פון דער כיתה וואס זיי האבין זיך אויסגיקליבין אז דער תכלית איז אז מע זאל שיכירין און פריליך זיין האבן זיי זיך אויף גינומען עפעס א שיכור פאר איין מלך. ווארין ער איז תמיד פריליך. דערנאך האבין זיי גיפונען איין מענשן וואס ער איז גיזעסין אין איין ים פון ווין איז ער זיי זייער וואויל גיפעלין בעסער. ווארין דער איז זיך בוודאי זייער א גרויסער שכור ווארין ער זיצט זיך אין א ים פון ווין האבין זיי אים אויף גינומען פאר א מלך. האבין זיי אויך גיבעטין מע זאל זיך מיט אים זעהן איז מען גיגאנגען און מע האט גימעלדיוועט. זענען זיי ארייין גיגאנגען צו דעם מלך און דאס איז גיווען דער אוהב נאמן פון דעם מלך וואס ער איז גיזעסין אין דעם ים פון ווין וואס ער איז גיווארין פון די רייד פון דעם מליץ וואס ער האט גיטרייסט זיי כנ"ל. (און די מדינה האט גימיינט אז ער איז א גרויסער שיכור ווייל ער זיצט אין א ים פון ווין האבין זיי אים אויף גינומען פאר א מלך) ווי זיי זענען ארייין גיקומען צו אים. האבין זיי זיך דערקענט איינס דאס אנדערע איז צווישן זיי גיווען איין גרויסע שמחה און בכיות כנ"ל. איז דער אוהב נאמן אויך גיגאנגען מיט זיי.

זענען זיי ווייטער גיגאנגען און זיי זענען גיקומען צו איין מדינה האבין זיי גיפרעגט די ווארטים ווער איז ביי אייך איין מלך. האבין זיי גיענפערט. אז זייער מלך איז א יפת תואר מחמת זי ברענגט צום תכלית. ווארין דער תכלית איז יישוב העולם (דהיינו אז די וועלט זאל זיין באזעצט מיט מענשן) כנ"ל און פריר איז ביי זיי גיווען א יפת תואר פאר איין מלכה דער נאך האבין זיי גיפונען א יפת תואר וואס זי איז ווילד שיין זייער. האבין זיי זי אויף גינומען פאר א מלכה האבין זיי זיך גישטויסין. דאס מוז בוודאי זיין די בת מלכה האבין זיי אויך גיבעטין אויב מע קאן זיך זעהן מיט איר. איז מען גיגאנגען און מע האט גימעלדיוועט. זענען זיי ארייין גיגאנגען צו דער מלכה האבין זיי זי דערקענט אז דאס איז די בת מלכה אליין און די שמחה וואס דארט איז גיווען. קאן מען בוודאי ניט משער זיין. האבן זיי זי גיפרעגט ווי קומסטו אהער. האט זי זיי דערציילט אז דעמולט אז דער רוח סערה איז גיווען. און האט אויס גיחאפט דאס טייערע קינד פון דער וויג ארויס כנ"ל איז זי תיכף בשעת בהלה נאך גילאפין נאך דעם קינד און זי האט עס ניט גיפונען. האט זי די מיליך גישפארט און דער פון איז גיווארין א ים פון מיליך. דערנאך האבין זי גיפונען די מדינה און האבין זי אויף גינומען פאר איין מלך אויף זיי. און סע איז דארט גיווען א גרויסע שמחה און זיי האבן זייער גיוויינט אויך אויף דעם טייערן קינד וואס סע איז ניט דא. און אויף איר פאטער און מוטער וואס זי ווייסט פון זיי ניט. און היינט האט שוין די מדינה א מלך אויך. ווארין דא איז זיך שוין דא איר מאן פון דער בת מלכה וואס זי איז דא גיווארין מלכה ווארין דער גבור איז זיך איר מאן. האט שוין די מדינה א מלך. האט די בת מלכה גיבעטין דעם בעל תפלה אז ער זאל דערוויל גיין אין איר מדינה און זאל זי דערוויל אביסיל רייניקן פון זייער מיאוס שלעכץ ווארין ווייל ביי זיי איז דער עיקר תכלית גיווען א יפת תואר זענען זיי בוודאי זייער מזוהם גיווען און זענען זייער גיליגין אין דער תאוה איבער דעם האט זי גיבעטין דעם בעל תפלה אז ער זאל גיין און זאל זיי דערוויל אביסיל רייניקין דערפון (כלומר ער זאל זיי מוסר זאגין אז זי זאלין ניט אזוי ליגין אין דער תאוה פון ניאוף) אז זיי זאלין ניט אזוי גראב זיין אין דעם שלעכץ ווארין חוץ וואס סע איז א תאוה איז דאס נאך ביי זיי גיווען אזוי ווי איין אמונה אז דאס איז דער תכלית (ווארין די אלע כתות וואס איטליכע האט זיך אויס גיקליבין אירע שלעכטע זאך פאר א תכלית כנ"ל. איז די זאך ביי איטליכער גיווען אזוי ווי איין אמונה אז דאס איז דער תכלית) איבער דעם האט זי גיבעטין דעם בעל תפלה אז ער זאל גיין און זאל זיי רייניקין אביסיל דערוויל.

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רֵייְנִיגְן?

**אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת: דָא זָאגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ רֵייְנִיגְן פוּן אַלֶע זַיינֶע**

תַּאֲווֹת, דוּרְכ'ן בַּעַל תְּפִלָּה; אַז מֶען רֶעדְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען בֶּעט אוּן מֶען זָאגְט תְּהִלִּים - אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת.

### קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט...

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז: **'קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס', 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', אוּן 'מַיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען'.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב) וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְרַבָּה, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "**וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים**" אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "**אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל**", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים**", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

### עֶס בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט וָואס עֶר רֶעדְט, קוּמְט אוֹיס אַז מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי אֱמוּנָה שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

מֶען קֶען טַאקֶע הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה וִוי זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי וָואס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת,

**"צוּ וֶועמֶען רֶעדְסְטוּ? דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ וַואנְט..."** אָבֶּער אֵיינֶער וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג.

### גַשְׁמִיּוּת אוּן רוּחָנִיּוּת

מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ; אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט, דַארְפְסְט בַּאצָאלְן רֶענְט, בִּילְס אָדֶער מָארְגֶעדְזשׁ, אַנְשְׁטָאט גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַרַיין פַאלְן אִין חוֹבוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר שֶׁפַע**", דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דוּ דַארְפְסְט אַ נֵייעֶ קַאר, אַ נֵייעֶ הוֹיז, זָאלְסְט עֶס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן, זֵיי טַעֲנָה'נֶען: "**זַיי נִישְׁט מְגַשֵּׁם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט נִישְׁט אוֹיף גַשְׁמִיּוּת**", דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער פוּן וֶועם דֶען זָאל אִיךְ בֶּעטְן אַ נֵייעֶ קַאר - אוֹיבּ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! פוּן וֶועם דֶען זָאל אִיךְ בֶּעטְן אַ נֵייעֶ הוֹיז - אוֹיבּ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! פַארְקֶערְט דִי וָואס זָאגְן דָאס - זֵיי זֶענֶען מְגַשֵּׁם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל זֵיי טֵיילְן אָפּ רוּחָנִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, כא) בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דֶער הִימְל צִי דֶער עֶרְד, בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער הִימְל אוּן נָאכְדֶעם דֶער עֶרְד, אוּן בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁאפֶען דֶער עֶרְד אוּן נָאכְדֶעם דֶעם הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוּן זָאגְט: "**תָּמֵהַּ אֲנִי הֵיאַךְ נֶחְלְקוּ אֲבוֹת הָעוֹלָם בֵּית שַׁמַּאי וּבֵית הִלֵּל עַל בְּרִיַּת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, אֶלָּא שֶׁאֲנִי אוֹמֵר שְׁנֵיהֶם לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִסּוּיָהּ**", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל וָואס קְרִיגְן זֵיי זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אִיךְ הַאלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד מִיט דִי הִימְל בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אִיר דֶעקְל.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם מֶדְרָשׁ אוּן דָאס שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז דָאס אִיז אַ מַחֲלוֹקֶת פוּן צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'שִׁיטַּת בֵּית שַׁמַּאי' אִיז גֶעוֶוען חוֹמֶר הַדִּין, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת לא.), דֶערְפַאר הַאלְטְן זֵיי אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי הִימְלֶען, וַוייל שָׁמַיִם וַוייזְט אוֹיף רוּחָנִיּוּת, צוּ וַוייזְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר 'שָׁמַיִם', זַיין אַ 'הִימְל מֶענְטְשׁ' - אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דֶער וֶועלְט, וִוידֶער 'שִׁיטַּת בֵּית הִלֵּל' אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד, צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף זַיין דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּם הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוּן זָאגְט: "**אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע**

**מַחְלוֹקָה, פַּארְוָואס טֵיילְסְטוּ אָפּ צְוִוישְׁן 'שָׁמַיִם' און 'אֶרֶץ', צְוִוישְׁן גַשְׁמִיּוּת און רוּחָנִיּוּת, אַלֶעס אִיז אֵיינְס".**

## אַלֶעס וֶוערְט אֱלוֹקוּת

מֶען קֶען עֶסְן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, אוֹיב מֶען מַאכְט דֶערוֹיף אַ בְּרָכָה וֶוערְט דִי גַאנְצֶע עֶסְן אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ פָאהְרְט אַוֶועק זִיךְ אָפְּרוּעֶן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, און בַּיי יֶעדֶע פְּרַט דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "אַ מְחַיֶּה' אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, וֶוערְט דִי גַאנְצֶע וַואקַאצְיֶע אֵיין שְׁטִיק גוּטְס.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען: **"וֶוען אִיךְ אִין מַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר אִינְדֶערְהֵיים בִּין אִיךְ אִין 'הוֹיכֶע טֶעג', און בַּיי וַואקַאצְיֶע בִּין אִיךְ אִין 'נִידְרִיגֶע טֶעג'..."** בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס אֵיין זַאךְ, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קֶען עֶר זַיין אָנְגֶעקְנִיפְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְשֵׁייד אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָדֶער אִין אָפְּרוּהֶ, שְׁטֶענְדִיג רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ בִּיסְט זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"** הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, פְּרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: **"וָואס בֶּעטְסְטוּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"** הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ בֶּעט זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'"**, פְּרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: **"זָאג מִיר, פַּרְנָסָה הָאסְטוּ?"** עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: **"נֵיין"**, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: **"הֶער מִיךְ צוּ, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז דַיין אֱמֶת"**. פוּן יֶעדְן מַצָּב נֶעמְט מֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶעס וֶוערְט אֱלוֹקוּת, אַלֶעס וֶוערְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

## אַוֶועק טְרַייבְּן דָאס טוּנְקְלְקֵייט

עֶס אִיז גֶעוֶוען חִילוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן דִי צַדִּיקִים, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין 'סוּר מֵרָע'; מֶען דַארְף שְׁנַיידְן שְׁטִיקֶער פוּן זִיךְ, מֶען דַארְף פַאסְטְן, מַאכְן 'בִּיטּוּל הַיֵּשׁ', ווִידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין 'עֲשֵׂה טוֹב'; אַז אַ שְׁטוּבּ אִיז טוּנְקְל קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק טְרַייבְּן דָאס טוּנְקְלְקֵייט... עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה צִינְד אָן לִיכְט, לֶערְן, דַאוֶוען, טוּ מִצְוֹת, וֶועט דָאס טוּנְקְלְקֵייט אוֹיטָאמַאטִישׁ אַוֶועק גֵיין.

פוּן זִינְגֶען אַ גַאנְצְן טָאג: **"אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט", "אִיךְ בִּין יָא, אִיךְ בִּין נִישְׁט, אִיךְ בִּין יָא..."** וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן, עֶנְדֶערְשׁ בְּרֶענְג אַרָאפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס אִיךְ בִּין אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶועט מְמֵילָא וֶוערְן לִיכְטִיג, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא וֶוערְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וֶועט בָּטֵל וּמְבֻטָּל.

דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת הֶעלְפְט אִין יֶעדְן פַאל, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע תַּאֲוָה דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן, דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט דָא אוֹיס פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט כִּיתּוֹת פוּן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן תַּאֲווֹת, אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

## מֶלֶךְ בְּשָׂדֶה

**און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל:** מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, עֶס קוּמֶען יֶעצְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע טֶעג, אִין חַבַּ"ד רוּפְט מֶען דֶעם חוֹדֶשׁ "מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה"; גֶעוֶוענְלִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְן צוּם קֶענִיג, נָאר דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן און יוֹעֲצִים קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם קֶענִיג, דָאס אִיז אַלֶעס וֶוען דֶער קֶענִיג זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין פַּאלַאץ, אָבֶער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג אִינְדְרוֹיסְן פוּן פַּאלַאץ, דֶעמָאלְט קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער צוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג און רֶעדְן מִיט אִים, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה, דַּף לב) חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער 'מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צְוִוישְׁן אוּנְז, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

אַגַב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּגֶעלֵייגְט: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז 'מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה' אִיז נִישְׁט נָאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל, נָאר אַ גַאנְץ יָאר, מִיר גֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: **"עֶס קוּמְט אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט און מֶען בְּרֶענְט, אָבֶער מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"**; דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זֶען צוּ טוּן עֶפֶּעס אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, זָאג כָאטְשׁ אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פַאר אֱלוּל.

## מְקַנֵּא אַ בָּחוּר וָואס וֵוייסְט פוּן תְּשׁוּבָה

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגְל וָואס הַאלְט גֶעצֵיילְטֶע טֶעג פַאר זַיין בַּר מִצְוָה:** ...; דוּ גֵייסְט שׁוֹין בַּאלְד בַּר מִצְוָה הָאבְּן, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ בָּחוּר גֵייט צוּם בַּר מִצְוָה און עֶר וֵוייסְט פוּן דֶעם אַז **"אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן"**, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בַּיי מַיין בַּר מִצְוָה, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט אַז אִיךְ הָאבּ פַארְפַּאסְט זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַלֶע שַׁארְפֶע זַאכְן פוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז וֶוער עֶס פַארְפַּאסְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִיז יֶענֶעם טָאג בְּנִדּוּי (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, דַּף קפו.), אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, מָארְגְן וֶועל אִיךְ יָא לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין צַייט"**. אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז 'תְּשׁוּבָה' אִיז גֵיין אִין קַאלְטֶע מִקְוָאוֹת, זִיךְ פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, טוּן עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִּיקִים... אִיךְ בִּין מְקַנֵּא אַ בָּחוּר וָואס הָאט בַּר מִצְוָה און וֵוייסְט שׁוֹין פוּן דֶעם אַז וָואס עֶס זָאל נָאר פַּאסִירְן מִיט מִיר - קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּנְדָאסְנַיי, אִיךְ קֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי הֶערְן דָאס וָוארְט "תְּשׁוּבָה", זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס מֵיינְט עֶפֶּעס אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט טוּן, מֶען דַארְף פַּאסְטְן אוּן וֶוערְן אִינְגַאנְצְן מָרָה שְׁחוֹרָה; וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? תְּשׁוּבָה מֵיינְט אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"**, דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד יָארְן צוּרִיק פְּלֶעג אִיךְ דָאס אַסַאךְ חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער, 'תְּשׁוּבָה טוּן' מֵיינְט זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אוּן אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט"**, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן ווָאוּסֶענְדִיג אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה.

## שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק גָּמוּר

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין מט:) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַדֵּשׁ אַ פְרוֹי אוֹיפְ'ן תְּנַאי אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק גָּמוּר, אֲפִילוּ מִיר ווַייסְן אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ רָשָׁע גָּמוּר, אִיז דִי הֲלָכָה אַז מֶען דַארְף חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז דָאס אִיז יָא אַ גוּטֶע קִידּוּשִׁין, ווַייל אֶפְשָׁר הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אֵיין גוּטֶע גֶעדַאנְק: **"אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"**, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק גָּמוּר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס תְּשׁוּבָה אִיז, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס נָאר אֵיין דִיבּוּר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"**, אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל, עֶר טְרַאכְט בְּלוֹיז דֶערְפוּן בַּיי זִיךְ אִין הָארְץ - אִיז אוֹיךְ שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ צַדִּיק גָּמוּר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אִים גְלַייךְ צוּרִיק.

**אַגַב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** אִין חַבַּ"ד אִיז אַלֶעס אִינֶעם מֹחַ, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אִין קָאפּ, זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּלֵייגְן מֶען זָאל רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל, ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט אַנְכַאפְּן דֶעם קָאפּ עֶס זָאל בְּלַייבְּן טְרַאכְטְן אַ שָׁעָה צַייט פוּן אֱלֹקוּת, דֶער מֹחַ פְלִיט דָאךְ אַ גַאנְצְן צַייט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֵיינְס צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן, מֶען דַארְף הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע קָאפּ צוּ בְּלַייבְּן טְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין אֱלֹקוּת, אָבֶּער דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּלַייבְּט דֶער קָאפּ וַואךְ אוּן עֶס פַארְט נִישְׁט אַוֶועק צוּ נַארִישְׁקֵייטְן.

## מֶען טוּט זִיךְ וָואס מֶען ווִיל

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי מְקַטְרִיגִים אוּן דִי (אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע) 'שֵׁיינֶע אִידְן' קוּמֶען שׁוֹין צוּ גֵיין מִיט טַעֲנוֹת, **"וָואס הֵייסְט דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס פַאר קִינְדֶער אוּן בַּחוּרִים אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי וֶועלְן דָאךְ אַלֶע טוּן עֲבֵירוֹת ווַייל זֵיי ווַייסְן אַז מֶען קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן?!"**... בַּארוּאִיג זִיךְ, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת, אַז מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָאס נָאר ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִי עֲבֵירָה, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ ווִיסְן: דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן! אוּן עֶס אִיז זַייעֶר גְרִינְג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן! אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר קוּמֶען זָאגְן אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְלַאכְן פוּן יֶענֶעם, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט דָאס הֶערְן דוּרְךְ אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְלַאכְן, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן דִי נִסָּיוֹן אוּן דִי מְנִיעוֹת דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מֵיינֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, אִין קֵיין שׁוּם מַצָּב וואו דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער מִתְנַגֵּד שְׁרַייעֶט: **"וואו אִיז גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן אַזַא זַאךְ? דוּ רֶעדְסְט צוּ בַּחוּרִים אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נָאךְ גֵיין טוּן וָואס זֵיי ווִילְן..."** דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הֶערְט מֶען פוּן דִי מִתְנַגְּדִים ווִי זֵיי מַאכְן חוֹזֵק פוּן רֶבִּי'נְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה: **"מֶען טוּט זִיךְ וָואס מֶען ווִיל אוּן מֶען פָּארְט זִיךְ אוֹיף אוּמַאן..."** דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דָאס אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה מַאכְט אַז דֶער בָּחוּר זָאל וֶועלְן זַיין גוּט.

בַּחוּרִים זָאגְן מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן... פַאר אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זַייעֶר רוּאִיג, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַוַודַאי זֶענֶען דָא צַדִּיקִים, עֶס זֶענֶען דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין שׁוֹין סַיי ווִי דֶערְנָאךְ, קֶען אִיךְ דָאךְ טוּן וָואס אִיךְ ווִיל, אָבֶּער הַיינְט נָאכְ'ן הֶערְן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, קוּמְט מִיר אַ גַאנְצְן טָאג אַרוֹיף מַחְשָׁבוֹת אַז אִיךְ קֶען דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, פַּיינִיגְט מִיר יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ יָא צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב..."

## אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבּוֹירְן

דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר (פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַף צח.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז) "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", זָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, עֶר הֵייבְּט אָן פוּן נֵיי, אַזוֹי ווִי עֶר אִיז הַיינְט גֶעבּוֹירְן, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס אוֹיף יֶעדְן אִיד (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סא), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנֵיי, אַזוֹי ווִי עֶר אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דָא אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין חִיּוּת, עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס עֶר גֵייט זָאגְן, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם אוּן גֶעזָאגְט: **"עֶס קוּמְט זִיךְ מִיר אַ מַזָּל טוֹב!"** דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוָוארְן שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, אוּן יֶענֶער ווֶערְט פַארְוואוּנְדֶערְט: **"וָואס? בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן?"** הָאט דֶער בָּחוּר גֶעזָאגְט: **"נֵיין; אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעבּוֹירְן!"** דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַזוֹי ווִי מֶען מַאכְט אַ קִידּוּשׁ פַאר אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד, אַזוֹי אִיז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג, דֶער רֶבִּי זָאגְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֱלוּל, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: **זָכְרֵנוּ לְחַיִּים, מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים, וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים, לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים".**